**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/8/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול עפנט ערשטע-אינעם-לאנד קלימאט שריט פילאט פראגראם צו העלפן ניו יארקער שפיטעלער עררייכן נעט-זערא גאז עמיסיעס ביז 2050**

***אונטער פרייוויליגע פילאט פראגראם, וועט NYSIF-אינשורירטע שפיטעלער וועלכע נעמען זיך אונטער צו נידערן זייער גאז עמיסיעס און פארבעסערן שטארקקייט באקומען פרימיום קרעדיטס פון ביז 1 מיליאן דאלאר צו פלאנירן און איינפירן קלימאט שריט פלענער***

***גאווערנאר געבט אויך ארויס נייע NYSIF באריכט וואס ציינט פארבינדונג צווישן עקסטרעמע היץ און ארבעטער געזונטהייט און זיכערהייט - אוועילעבל [דא]()***

***בויעט אויף גאווערנאר האקול'ס פארפליכטונג צו בויען א ריינערע, שטערקערע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער***

גאווערנאר האקול האט היינט געעפענט א ערשטע-אינעם-לאנד, [פרייוויליגע קלימאט שריט פילאט פראגראם]() פאר שפיטעלער, פאקוסירט אויף פארבעסערן ארבעטער געזונטהייט און זיכערהייט און אינעם זעלבן צייט אדרעסירן די שעדליכע אפעקטן פון קלימאט ענדערונג אויף די ענווייראמענט. די פראגראם שטעלט צו פרימיום קרעדיטס פון ביז 1 מיליאן דאלאר פאר ניו יארק סטעיט אינשורענס געלטער-אינשורירטע שפיטעלער וועלכע נעמען זיך אונטער צו עררייכן נעט זערא גרינהאוס גאז עמיסיעס ביז 2050 און פארבעסערן זייער שטארקקייט צו עקסטרעמע וועטער פאסירונגען, העלפנדיג פארגרינגערן די קלימאט-פארבינדענע געפארן וועלכע לייגן צו צו שטארקע העכערונגען אין ארבעטספלאץ וואונדן און קראנקהייטן. די פילאט בויעט אויף גאווערנאר האקול'ס פארפליכטונג צו בויען א ריינערע, שטערקערע צוקונפט פאר ניו יארקער, און אזוי אויך אויף לעצטיגע אינוועסטירונגען באקומען אין די פיסקאלע יאר 2025 אוועקגעשטעלטע בודזשעט צו פאראויס רוקן די גאווערנאר'ס קלימאט פלאן.

"ניו יארק נעמט שריט צו אנהאלטן אונזער סטאטוס אלץ א גלאבאלע פירער אין די קאמף קעגן קלימאט ענדערונג," **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "די פילאט פראגראם וועט באלוינען שפיטעלער אויב זיי פארמינערן זייער אינווייראמענטאלע אפעקט און שאפן מער א זיכערע און געזונטע ניו יארק. פון נוצן אונזערע אינשורענס פאליסיס ביז איבערטוישנדע אינוועסטירונגען אין דאס יאר'ס בודזשעט, נוצן מיר יעדע געצייג וואס מיר האבן נאר צו בויען א ריינערע, שטערקערע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער."

**NYSIF עקזעקיוטיוו דירעקטאר און CEO גאוראוו וואסישט האט געזאגט,** "די העלט קעיר באפעלקערונג געפונט זיך אויף די פאדערשטע ליניעס פון די גלאבאלע קלימאט קריזיס, קעמפנדיג איר פאבליק געזונטהייט אפעקטן און סיסטעם שטערונגען און אינעם זעלבן צייט צולייגנדיג אסאך צו גרינהאוס גאז עמיסיעס. מיר 2023 זייענדיג די הייסטע יאר אויפ'ן רעקארד, און וויבאלד עקסטרעמע היץ לייגט צו צו א שטייגנדע צאל ארבעטער וואונדן און קראנקהייטן, איז NYSIF אייגנארטיג געשטעלט אין א פאזיציע צו נעמען איבערטוישנדע קלימאט שריט, פארשלאגן באלוינען וועלכע פארבעסערן ארבעטער זיכערהייט און אינעם זעלבן צייט באפרייען ריסארסן פאר שפיטעלער צו קענען עררייכן זייערע צילן."

די אמעריקאנער העלט קעיר אינדוסטרי איז די הויפט פראדוצירער פון GHG's, ארויסגעבנדיג 8.5 פראצענט פון אלע נאציאנאלע עמיסיעס און אומגעפער א פערטל פון העלט קעיר עמיסיעס פון די גאנצע וועלט. שפיטעלער זענען די גרעסטע GHG פראדוצירער אין די העלט קעיר, מיט מערסטנס פון זייערע עמיסיעס ארויסגעגעבן אומדירעקט אין די סופליי קייט, אזוויי דורך געקויפטע עלעקטריק, אנעסטעטיקס, פארמאסיודיקעלס, עסן און איינציגע-באנוץ פלעסטיק מעדיצינישע און כירורגישע געצייג.

די פילאט געבט פאר NYSIF's שפיטאל פאליסי-האלטער א באלדיגע קרעדיט פון 5 פראצענט אויף זייער ארבעטערס' פארגיטיגונג פרימיום, ביז 1 מיליאן דאלאר פאר יעדע פאליסי, ווען זיי נעמען זיך אונטער צו אנטוויקלען א קלימאט שריט פלאן צו האלטן אן אויג אויף, באריכטן, און פארמינערן זייער גרינהאוס גאז עמיסיעס און פארבעסערן זייער שטארקקייט צו קלימאט-פארבינדענע שטערונגען. די באלדיגע קרעדיט וועט באפרייען וויכטיגע געלטער אויפ'ן פלאץ פאר שפיטעלער צו אנטוויקלען זייערע שריט פלענער, לייגנדיג די יסוד פאר זייער צוקונפטיגע עמיסיעס פארמינערונג און שטארקקייט סטראטעגיעס. אן אנגייענדע פרימיום קרעדיט פון 5 פראצענט, ביז 1 מיליאן דאלאר פאר יעדע פאליסי, וועט זיין אוועילעבל פאר שפיטעלער יעדע יאר וואס זיי רוקן זיך פאראויס אין זייערע פלאנירטע דערגרייכונגען. איבער די צייט, קענען שפיטעלער צילן די אנגייענדע קרעדיט - און סיי וועלכע פארדינטע געלטער פון פארמינערטע עמיסיעס - צו דירעקטע פאציענט קעיר און ווייטער פארבעסערן זייער שטארקקייט קעגן קלימאט-פארבינדענע שטערונגען.

גאווערנאר האקול האט אויך געמאלדן דאס באפרייאונג פון אינשורענס אלץ א סיבה פאר קלימאט שריט, NYSIF's ערשטע באריכט וואס שילדערט די נויטיגקייט צו פארמינערן שפיטאל GHG עמיסיעס און קוקט איבער NYSIF's קלעימס אינפארמאציע צו אנטדעקן די פארבינדונג צווישן עקסטרעמע היץ און ארבעטער זיכערהייט. אנגייענד מיט פירנדע אקאדעמישע פארשונג, האט די אנאליז, וואס האט ארייגענומען אומגעפער 95,000 קלעימס, געפונען א הויכע פארבינדונג אין די אפטקייט און ערנסטקייט פון ארבעטספלאץ וואונדן און קראנקהייטן אויף עקסטרעמע הייסע טעג. די אינפארמאציע האט געוויזן אז ווען די היץ אינדעקס איז איבער 80°F זענען געווען 45 פראצענט מער אויסזיכטן פאר וואונדן וועלכע האבן זיך געענדיגט מיט קלעימס און 20 פראצענט ערנסטער. NYSIF פלאנט צו ווייטער שטודירן די אינפארמאציע צו בעסער פארשטיין די פארבינדונגען.

צו באקומען די פרימיום קרעדיטס, מוזן שפיטאל קלימאט שריט פלענער שילדערן לאנג-טערמיניגע פלענער צו פארמינערן סיי דירעקטע און סיי אומדירעקטע עמיסיעס, אריינרעכענענדיג די וועלכע ווערן פראדוצירט אין די סופליי קייט פאר אנעסטעטיקס, פארמאסיודיקעלס, עסן, און איינציגע-באנוץ פלעסטיק און מעדיצינישע געצייג. די פלענער מוזן אויך שילדערן סופליי קייט פראבלעמען און באדינגונגען און אויך איסרעכענען די שפיטאל'ס איינקויף צוגאנג כדי צו מוטיגן שפיטאל סופלייערס און פארקויפער צו רעכענען און באריכטן זייער אייגענע עמיסיעס אינפארמאציע אבער א שטיק צייט. פלענער מוזן אויך איינפירן זיכערהייט מאסנאמען צו פארזיכערן פאזיטיווע רעזולטאטן פאר איינגעשטעלטע און די שפיטאל'ס ארומיגע קאמיוניטי.

אויסער די פרימיום קרעדיטס, שטעלט די פילאט אויך פאר צוטריט צו NYSIF's ריזיקע קאנטראל סערוויסעס, אריינרעכענענדיג קאנסולטאציע, ריסארטש, און טרעינירונג, מיט געוויכט אויף סטראטעגיעס צו באקעמפן קלימאט-פארבינדענע פראבלעמען. די סערוויסעס וועלן העלפן אנטיילנעמענדע שפיטעלער, ספעציעל קלענערע און זייטיגע שפיטעלער, איינפירן סטראטעגיעס צו לייכטער מאכן קלימאט געפארן און פארשטערקערן די וואוילזיין פון ארבעטער. NYSIF וועט אויף פארעמען א פארום פאר שפיטעלער זיך צו לערנען איינע פון די אנדערע'ס ערפארונגען אינעם צייט וואס זיי מאכן יעדע פרואוו צו פארמינערן עמיסיעס און זוכן צו ווערן שטערקער.

די אינציאַטיוו וועט אַנגיין אויף NYSIF'ס יעצטיגע און פאַראויסע אַרבעטערס' פאַרגיטיגונג פּאָליסי-האַלטער, מיט פּרימיום קרעדיטס אַוועילעבל פאַר די לענג פון אַ שפּיטאָל'ס געצייגטע פאַרפליכטונג צו אַרבעטן פאַר'ן ציל פון ערגייכן נעט זעראָ GHG עמיסיעס ביז 2050. די פּילאָט האָט די מעגליכקייט צו ברענגען הונדערטער מיליאַנען אין פּרימיום קרעדיטס און קאָסט שפּאָרונגען אַלעס צוזאַמען פאַר אַנטיילנעמנדע שפּיטעלער, וואָס זיי קענען אינוועסטירן צו ווייטער שטאַרקן פּאַציענט קעיר און געזונטהייט רעזולטאַטן.

**NYSERDA פּרעזידענט און CEO דאָרין מ. העריס האָט געזאָגט,** "ניו יאָרק'ס ריינע ענערגיע איבערגאַנג העלפן פאַרשטערקערן די שטאַרקקייט פון געביידעס איבער ניו יאָרק סטעיט - אַריינגערעכנט שפּיטעלער - צו בלייבן פעסט קעגן די אַפעקטן פון אונזער טוישנדע קלימאַט. דאָס נייע NYSIF אינציאַטיוו וועט באַלוינען שפּיטעלער וועלכע נעמען קאָנטראָל איבער זייער ענערגיע באַנוץ, נעמען אָן ריינע און שפּאָרזאַמע טעכנאָלאָגיעס, און פאַרמינערן זייער גאַס פוס-אָפּדרוק אין שטיצע פון אַ זעראָ-עמיסיע צוקונפט."

**ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט פון ענוויראָמענטאַלע אָפּהיטונג אינטערים קאָמישאַנער סיען מאַהאַר האָט געזאָגט,** "די ניו יאָרק סטעיט אינשורענס פאַנד'ס נייע פּרימיום קרעדיט פּראָגראַם פאַר שפּיטעלער איז אַ פאַרגעשריטענע און באַדייטפולע צוגאַנג צו פאַרמינערן גרינהאַוס גאַז עמיסיעס איבער אַלע באַפעלקערונגען פון די עקאָנאָמיע, וואָס איז צענטראַל צו די סטעיט'ס ווייטערדיגע פאָרשריט אין נאָכקומען אונזערע קלימאַט צילן. געבן די באַלוינונג פאַר שפּיטעלער וועט האָבן אַ פּאָזיטיווע ווייטערדיגע אַפעקט דורכאויס די עקאָנאָמיע אינעם צייט וואָס סופּלייערס זענען פאַרמישט אין נאָכיאָגן די די-קאַרבאַניזאַציע און אינעם זעלבן צייט העלפן שפּיטעלער איבער די סטעיט אַנערקענען די בענעפיטן פון פאַרשטערקערטע שטאַרקקייט קעגן שווערע שטורעמעס און עקסטרעמע וועטער."

**סטעיט העלט קאָמישאַנער דר. דזשעימס מקדאָנעלד האָט געזאָגט,** "די קלימאַט האָט זיך געטוישט, אַפילו אין אונזער לעבן, דאָס איז קלאָר. מיר וועלן ווייטער אידענטיפיצירן און נוצן פאַרגעשריטענע לעזונגען צו באַקעמפן די נעגאַטיווע אַפעקטן פון קלימאַט ענדערונג אויף פּאַבליק און פּערזענליכע געזונטהייט. הייבנדע טעמפּעראַטורן פאַראורזאַכט דורך גרינהאַוס גאַז עמעיסיעס שטעלן באַדייטנדע געזונטהייט געפאַרן, צוגעבנדיג צו העכערע ראַטעס פון היץ סטראָוק, וואַלדפייערן וועלכע האָבן אַ נעגאַטיווע אַפעקט אויף לופט קוואַליטעט, און דאָס פאַרשפּרייטונג פון וועקטאָר-געפירטע קראַנקהייט, אַזויווי ליים דיזיס און וועסט נייל ווירוס. שפּיטעלער זענען צווישן אונזער בעסטע פּאַדערשטע ליניעס שותּפים אין רעאַגירן צו די געזונטהייט אַפעקטן פון קלימאַט ענדערונג. די נייע פּילאָט פּראָגראַם באַלוינט שפּיטעלער זיך צו אונטערנעמען לאַנג-טערמיניגע קלימאַט לעזונגען און מאַכן אַרבעטסקראַפט געזונטהייט און זיכערהייט אַ פּריאָריטעט."

**פּרעזידענט פון די ניו יאָרק סטעיט AFL-CIO מאַריאַ סילענטאַ האָט געזאָגט,** "עקסטרעמע היץ אומשטענדן לייגן צו צו אַרבעטער קראַנקהייטן, וואונדן, און צומאָל טויט. מיר מוזן טון אַלעס וואָס מיר קענען צו פאַרזיכערן אַרבעטספּלאַץ זיכערהייט און די פּילאָט פּראָגראַם איז אַ גוטע פּלאַץ אָנצוהויבן. איך אַפּלאָדיר NYSIF פאַר טרעפן וועגן צו פאַרבעסערן אַרבעטער געזונטהייט און זיכערהייט און אינעם זעלבן צייט אַדרעסירן קלימאַט ענדערונג."

**איבער NYSIF**

מיר נאָנט צו 200,000 פּאָליסי-האַלטער, 1.9 ביליאָן דאָלאַר אין יערליכע פּרימיומס, און איבער 20 ביליאָן דאָלאַר אין אינוועסטירטע פאַרמעגן, איז NYSIF די גרעסטע אַרבעטערס' פאַרגיטיגונג אינשורירער אין ניו יאָרק סטעיט צווישן די צען גרעסטע אינעם גאַנצן לאַנד. NYSIF'ס מיסיע איז צו אונטערנעמען די גרייטקייט פון אַרבעטערס' פאַרגיטיגונג, דיסאַביליטי אינשורענס און באַצאָלטע פאַמיליע אָלויב אויף די ביליגסטע קאָסט פאַר ניו יאָרקער איינגעשטעלטע און אינעם זעלבן צייט אָנהאַלטן אַ גוטע פאַנד. זייט איר גרינדונג אין 1914, האָט NYSIF ערפולט איר מיסיע דורך זיך פאַרמעסטן מיט אַנדערע

אינשורענס פירמעס צו פארזיכערן א יושר'דיגע מארקפלאץ און צו באדינען א גאראנטירטע קוואל פון דעקונג פאר ארבעטסגעבער וועלכע קענען נישט באקומען דעקונג פון ערגעץ אנדערש. NYSIF שטרעבט צו ערגרייכן די בעסטע געזונטהייט רעזולטאטן פאר פארוואונדעטע ארבעטער און זיין אן אינדוסטרי פירער אין פרייז, קוואליטעט, און סערוויס פאר ניו יארקער ארבעטסגעבער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט [nysif.com](nysif.com).

**גאווערנאר האקול'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו ערגרייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 40 ביליאן דאלאר אין 64 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוּטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו פארמינערן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קאר רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארס און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן]()